תלמוד תורה
**בית אשר**
ע"ש כ"ק אדמו"ר רבי אשר מסטולין זיע"א

שע"י חסידי
**קארלין סטולין**
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# סיפור
# נס חנוכה




## כתה ב'

נערך ע"י המחנך ר' א. אהרן פילטסיק

# סִפּוּר נֵס חֲנוּכָּה

אִין דִי צַייטֶען פוּן דֶער צְוֵוייטֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ

אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג אֶלֶכְּסַנְדֶר מוֹקְדוֹן

עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט צוּ דִי אִידֶען אוּן זֵיי לִיבּ גֶעהַאט

אָבֶּער וֶוען אֶלֶכְּסַנְדֶר מוֹקְדוֹן אִיז גֶעשְׁטָארְבִּין

אִיז דֶער רָשָׁע אֶנְטִיָכוּס גֶעוָוארִין דֶער נַייֶע



קֶענִיג עֶר הָאט גֶעוָואלְט

פַארְשְׁפְּרֵייטֶען דִי בִּיכֶער

פוּן דִי יְוָנִים אוֹיף דִי

גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן אוֹיךְ בַּיי

דִי אִידֶען, גְלַייךְ הָאט עֶר גֶעמַאכְט שְׁוֶועְרֶע גְזֵירוֹת אוֹיף דִי אִידֶען.

אֶנְטִיָכוּס הָאט גֶעוואוּסְט דִי מִצְווֹת וָואס זֵיי הַאלְטִין דִי אִידֶען שְׁטַארְק אוּן דֶערִיבֶּער זֵיי פְּרָאבִּירְט צוּ אוֹיס רֵייסֶען

1) בְּרִית מִילָה:



וָואס דָאס אִיז דִי מִצְוָה וָואס ה' הָאט גֶעזָאגְט צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ אָז דָאס וֶועט זַיין א צֵייכֶען אוּן א קֶשֶׁר צְווִישֶׁען ה' אוּן דִי אִידֶען.



2) קִדוּשׁ הַחֹדֶשׁ:
וָואס דָארְףְ דֶעם
וֵוייסְט מֶען וֶוען הֵייבְּט
זִיךְ אָן דִי חֹדֶשׁ אוּן
וֶוען עֶס אִיז יוֹם טוֹב.



3) שַׁבָּת קוֹדֶשׁ:
וָואס דָאס גִיט דִי כֹּחַ
אוּן קְדוּשָׁה פַאר
יֶעדֶער אִיד אוֹיף אַ
גַאנְצֶע וָואךְ.



4) לִמּוּד הַתּוֹרָה:

אוֹיב מְ'לֶערִינְט נִישְׁט וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס צוּ טָאן, אוּן דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט רוּעֶן אוֹיף זֵיי אוּן נִישְׁט הִיטֶען אוֹיף זֵיי.

אַלֶע גַאסִין זֶענֶען גֶעוָוארִין פוּל מִיט סָאלְדַאטֶען אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶער קֶענִיג הָאט מֶען גֶע'הַרְגֶ'עט



עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלִיכֶע אִידֶען וָואס הָאבִּין זִיךְ גֶעפִירְט אַזוֹי וִוי דִי גוֹיִים–יְוָנִים זֵיי הָאט מֶען גֶערוּפִין "מִתְיַוְנִים".

אָבֶער אַסאַךְ אִידֶען הָאבִין זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעגַאנְגֶען מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אַנְטְלָאפִין אוּן



הֵיילֶען (מְעָרוֹת) אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטֶען דָארְט צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן טָאן מִצְווֹת.

אֵיינֶער פְלֶעגְט שְׁטֵיין בַּיים עֶפֶּענוּג אוּן אוֹיב עֶר



הָאט גֶעזֶען אַ סָאלְדַאט קוּמְט הָאט עֶר גֶעמַאכְט א צֵייכֶען אוּן מֶען הָאט בַּאהַאלְטֶען דִי סְפָרִים אוּן אַרוֹיס גֶענוּמֶען דִי דְרֵיידְלַאךְ אוּן גֶעשְׁפִּילְט בִּיז דִי סָאלְדַאט אִיז אַוֶועק

אַסאַך אִידְען הָאבִּין זִיךְ אַזוֹי גֶערַאטֶעוֶועט אָבֶּער נֶעבַּאך אַסאַך הָאט מֶען יָא גֶעכַאפְּט אוּן גֶ'עהַרְגֶ'עט אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם וַוייל זֵיי הָאבִּין גֶעטָאן מִצְוֹות.

אֶנְטִיָכוּס הָאט גֶעשִׁיקְט גְרוֹיסֶע גֶענְרַאלֶען - קְצִינִים צוּ יְרוּשָׁלַיִם אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ מִיט דִי סָאלְדַאטֶען אוּן גֶענוּצְט



דִי הֵיילִיגֶע כֵּלִים אוּן קְלֵיידֶער, עֶר הָאט גֶעבְּרֵיינְגְט נִישְׁט רֵיינֶע בְּהֵמוֹת אוֹיף דִי מִזְבֵּחַ,



אויך אויף גֶעשְׁטֶעלְט אַ גְרויסֶע צֶלֶם אִין בֵּית הַמִקְדָש, נָאכְדֶעם פַּארְלָאשִין דִי מְנוֹרָה אויסְגֶעגָאסִין און צוּבְּרָאכִין אַלֶע קְרִיגַאלַאךְ פוּן בּוּימְל - שֶׁמֶן.

נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם שְׁטָאט מוֹדִיעִין און אויף גֶעשְׁטֶעלט אַ גְרויסֶע "גֶעטְשְׁקֶע מִיט א מִזְבֵּחַ" און גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף זִיךְ בּוּקֶען צוּ דִי עֲבוֹדָה זָרָה, נָאר דָא בְּרֵיינְגֶען קָרְבָּנוֹת.



אִין "חַשְׁמוֹנָאִים" וָואס אִיז אִין מוֹדִיעִין הָאט גֶעוואוֹינְט אַ צַדִיק "מַתִּתְיָהוּ בֶּן יוֹחָנָן כֹּהֵן גָּדוֹל" אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פִינֶעף (5) זִין צַדִיקִים שִׁמְעוֹן, יְהוּדָה, יוֹחָנָן, יוֹנָתָן, אוּן אֶלְעָזָר.

וֶוען מַתִּתְיָהוּ הָאט גֶעזֶען וָואס דִי יְוָנִים טוּעֶן הָאט עֶר גֶערוּפִין זַיינֶע זִין אוּן גֶעזָאגְט "לָאמִיר גֵיין זִיךְ קְרִיגֶען מִיט דִי יְוָנִים אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען אַסַאךְ אוּן ה' וֶועט אוּנְז הֶעלְפִין".




מַתִּתְיָהוּ אוּן זַיינֶע זִין זֶענֶען אַרוּם אִין גַאס אוּן גֶעשְׁרִיגֶען "מִי לַה' אֵלַי"

"וֶוער עֶס אִיז צוּ דֶער אוֹיבִּישְׁטֶער זָאל קוּמֶען צוּ מִיר" זֵיי הָאבִּין גֶעמַאכְט אַ פָאן (דֶגֶל) אוּן גֶעשְׁרִיבֶּען "מִי לַה' אֵלַי" גְלַייךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען

עֶרְלִיכֶע אִידֶען, מִיט שְׁטִיקְלַאךְ הָאלְץ, אַייזִין און שְׁטֵיינֶער און זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זִיךְ קְרִיגֶען מִיט דִי יְוָנִים.

יְהוּדָה אַ זוּן פוּן מַתִתְיָהוּ הָאט אוּיס גֶעקְרִיצְט אוּיף זַיין שִׁיצֶער (מָגֵן) "מַכַּבִּי"




מִי כָמוֹךְ בָּאֵלִים ה'"

דָאס מֵיינְט "וֶוער אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק ווִי ה'"



אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס

אַז דִי פָּאר בִּיסְל

שְׁוַואכֶע אִידֶען הָאבִּין

גֶע׳הַרְגֶ׳עט אַזוֹי פִּיל

שְׁטַארְקֶע יְוָנִים , אַסַאךְ פוּן דִי יְוָנִים זֶענֶען



אַנְטְלָאפִין פוּן אֶרֶץ

יִשְׂרָאֵל, גְלֵייךְ הָאט מֶען

צוּבְּרָאכִין דֶער "פֶּסֶל" פוּן

דִי שְׁטָאט מוֹדִיעִין.

דִי מִלְחָמָה אִיז גֶעוֶוען כ"ד כִּסְלֵו אוּן אוֹיף

מָארְגִין כ"ה כִּסְלֵו הָאבִּין דִי אִידֶען גֶערוּט פוּן

דִי מִלְחָמָה.

חָנוּ- זֵיי הָאבִּין גֶערוּט כ"ה- כִּסְלֵו פַארְדֶעם

רוּפְט מֶען דִי יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה חָנוּ-כה

וֶוען דִי אִידֶען זֶענֶען אַריין אִין דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ זֶענֶען זַיי גֶעוָוארין טְרוֹיעֶרְדִיג צוּ זֶען וִוי אִיבֶּער גֶעדְרֵייט דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז הָאט מֶען גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבִּין אוֹיסְרֵייניקֶען דִי גַאנְצֶע שְׁמוּץ, אוּן מַאכִין רֵיין.



וֶוען מֶען הָאט גֶעוָואלְט צִינְדֶען דִי מְנוֹרָה הָאט מֶען נִישְׁט גֶעטְרָאפִין קֵיין רֵיינֶע בּוֹימְל (שֶׁמֶן) וַוייל דִי יְוָנִים הָאבִּין אַלֶעס צוּבְּרָאכִין, מֶען הָאט גֶעטְרָאפִין אֵיין קְלֵיינֶע קְרִיגַאלֶע פוּן וָואס דֶער כֹּהֵן גָדוֹל פְּלֶעגְט מְהַדֶר זַיין פַאר זַיינֶע קָרְבָּנוֹת "שֶׁמֶן זַיִת זָךְ" אוּן עֶס הָאט נָאךְ גֶעהַאט דֶער



זִיגְל (חוֹתֶמֶת) פוּן דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל וָואס דָאס מֵיינְט אַז קֵיינֶער הָאט עֶס נִישְׁט אָנְגֶערִירְט, הָאט מֶען גֶעהַאט בּוֹימְל צוּ צִינְדֶען דִי מְנוֹרָה פַאר אֵיין טָאג.

אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען פְרֵיילַאךְ צוּ זֶען וִוי דֶער כֹּהֵן גָדוֹל צִינְד דִי מְנוֹרָה כָּאטְשׁ אוֹיף אֵיין טָאג



אוֹיף מָארְגִין הָאט דִי מְנוֹרָה נָאךְ גֶעבְּרֶענְט אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען פַאר אַכְט טֶעג הָאט דִי מְנוֹרָה גֶעבְּרֶענְט וָואס דָאס אִיז גֶענוּג צַייט צוּ קֶענֶען בְּרֵיינְגֶען נַייֶע בּוֹימְל.



צוּ גֶעדֶענְקֶען דֶער גְרוֹיסֶע נֵס פוּן דִי בּוֹימְל אוּן
אַז ה׳ הָאט אוּנְז גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי רְשָׁעִים
הָאבִּין דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַוֶּועק גֶעשְׁטֶעלט מִיר
זָאלִין צִינְדֶען לִיכְט אַכְט טֶעג, אוּן מִיר בֶּעטִין
גָ-ט זָאל אוּנְז הַיינְט אוֹיךְ וַוייזֶען נִסִים אוּן
רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶע רְשָׁעִים וָואס ווִילֶען אוּנְז
שְׁלֶעכְט׳ס טָאן אוּן אוּנְז אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן גָלוּת
מִיטֶען בְּרֵיינְגֶען מָשִׁיחַ מִיט אַ נַייֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ
אִין גִיכֶען.

תלמוד תורה

בית אשר

# כתה ב'-תש"פ